לרגל הילולת
רבינו הקדוש
ד' דחוה"מ סוכות

בעזהשי"ת

קונטרס

# טעם זקנים

שיחות התחזקות בעבודת השם
ע"ד הסלולה של
רביה"ק **מוהר"ן מברסלב** זי"ע
מאת הרה"ח ר' **לוי יצחק בענדער** ז"ל

מתובל בסיפורי עובדות
מאנ"ש מדורות הקודמים

קונטרס
פ"ה

מכון
טעם זקנים
שיחותיו של
רבי לוי יצחק בנדר ז"ל

הערות והארות מתקבלות
בחפץ לב, נא להתקשר אל:
**יוסף מענדל האס**
מאנסי ארה"ב
**1-845-200-0443**
**(ארה"ק: 072-257-3456)**

©
כל הזכויות שמורות

לקבלת הקונטרס וכן ההקלטה
(MP3) של השיעור, יש לפנות
דרך האימייל:
**Rlyb148@Gmail.Com**

ניתן לקבל את הקונטרסים דרך
הדואר (בכל שבועיים) במחיר
חודשי של $15 עבור הוצאות
עריכת הקונטרסים
**נא לפנות אל מס'**
**(+1) 347-232-7166**

# תוכן השיעור

**'וואס מיינט איר קרעכץ איך?!'**
**אז רוב וועלט וועט אננעמען מיין ספר...**
**'אמונה' מיט 'דעת'**
**חיבור סוף התורה בתחילתה**
**דאנקען גאט - 'איך בין ריין פון חן של שקר'!**
**להסתכל על עצמו**
**איך האב אייך אסאך אמת אריינגעבראכט**
**עיקר התשובה היא על שאינם ידועים**
**בהתלכך תנחה אותך**
**משה זכה לסוד הזה...**
**על פי שנים עדים**
**דער רבי וויל נישט קיין מופתים!**
**דער דין וחשבון פון א ברסלב'ער חסיד**
**חברים מקשיבים לקולך השמיעיני**

**חדש!**

ניתן להאזין לכל השיחות שי"ל על ידינו:
**ב'קו 'מערכת ברסלב'**
**ארה"ק: 02.560.7387**
**ארה"ב: 646.585.2985**
**ענגלאנד: 0330.390.0487**
**בעלגיע: 03.808.1775**

לשמיעת השיעור המצו"ב יש להקיש:
**#2.1.2.1.1 ואח"כ 85#**

בס"ד

# הילולת רביז"ל, תשמ"ח

(אוצרות ברסלב, הילולת רביז"ל, תשמ"ח)

## 'וואס מיינט איר קרעכץ איך?!'

ברוך השם, דאנקען השם יתברך - היינט איז די הילולא פון דעם הייליגן רבי'ן. עס איז שוין הונדערט זיבן-און-זיבעציג יאר (תקע"א - תשמ"ח) - א געוואלד! און 'דיבוריו הקדושים', 'עצותיו הקדושים' - ברוך השם - לעבן זיי איצטער אויך! און מען איז מקיים, מען גייט מיט דעם הייליגן רבי'נס ווערטער - מען וויל גיין דערמיט!

מצייר צו זיין דאס גרויסקייט פון דעם הייליגן רבין - האבן מיר נישט בכח מצייר צו זיין, עס איז אן אור וואס עס שיינט אין אלע עולמות! עס איז נישט שייך פאר אונז מצייר צו זיין!

ביי אונז איז נאר (שייך) די זאך וואס מיר זעהען ארויס 'במקום גדולתו שם אתה מוצא ענותנותו'. דער רבי איז אזוי גרויס און אזוי הייליג וואס עס איז גאר נישטא קיין דיבורים צו רעדן; אבער (לעומת זאת) דער דרך פון דעם הייליגן רבי'ן איז א וועג פון תמימות ופשיטות - אן קיין שום חכמות, א וועג פון 'שפכי כמים לבך', א וועג פון נאר תמימות!

רבי נתן פאר זיין הסתלקות הקדוש האט ער געגעבן א קרעכץ, (ענה ואמר:) "וואס **מיינט איר קרעכץ איך? ווייל איך האב ממעט געווען בתורה? - וויפיל איך האב געקענט האב איך געהיט די צייט; איך קרעכץ צו איך האב יוצא געווען דאס תמימות פון דעם רבין!...**" - ליגט דאך אין דעם עפעס אזא מין אמת!

רבי נתן האט דאך אזוי פיל געפאלגט דעם רבי'ן - עס איז דאך אין דוגמתו, אבער אויף תמימות האט ער געזאגט אז ער וויסט נישט צו ער האט יוצא געווען די תמימות פון דעם רבי'ן.

ליגט עפעס אין תמימות אזא מין אמת, עס ליגט עפעס אזא מין אמת - אז דער הייליגער רבי איז אזוי גרויס, אזוי הייליג - און דער וועג איז א וועג פון תמימות ופשיטות!

❖

## אז רוב וועלט וועט אננעמען מיין ספר...

עס איז געווען איינער רבי אהרן ליפאוועצקער - זיין טאטע איז געווען פון מעדוועדיווקע - פון דעם רבי'נס מענטשן - געווען א גדול, א געוואלדיגער גדול געווען - דער ר' אהרן. האט ער א זאג געגעבן צו רבי נפתלי'ן - דעם רבי'נס תלמיד, ער איז געווען איינער פון די עדות (אויפן תיקון הכללי): "ר' נפתלי, איר האט דאך עפעס געהערט פון דעם רבי'ן, וואו האלט עס (- כלומר 'ביאת המשיח')?" האט ער אים געזאגט: "לערנסטו אסאך דעם רבי'נס ספר? מיר האבן מקובל פון דעם רבי'ן, אז רוב וועלט וועט אננעמען מיין ספר, זאל מען זיך רעכטן!" - עס איז געוואלדיג![א]

קומט דאך עפעס אויס אז (שהדבר תלוי ב-) "רוב וועלט"; דארפן מיר דאך אוודאי אננעמען דעם רבי'נס ספר - אזוי האט דאך דער רבי געזאגט: "מיר האבן מקובל פון דעם רבי'ן - אז רוב וועלט [וועט אננעמען מיין ספר] זאל מען זיך רעכטן"!

דאס ווייסן מיר דאך - עס איז א תורה אין ליקוטי מוהר"ן - אז מען מאכט פון תורות תפילות, ווערן אזעלכע שעשועים למעלה "אשר מימות עולם לא עלו"[ב].

דאס האט געשריבן א טאטע צו א זון - דער זון איז געווען - געארבעט אין א באנק - אבער זייער א חשוב'ער יונגערמאן געווען. האט ער געשריבן א בריוו צו אים - האט ער אים געשריבן אזוי: "אז דו וועסט אויפשטיין ביינאכט 'חצות', און דו וועסט זאגן

---

[א] עי' חיי מוהר"ן שמ"ו, וזל"ש: "נשמע מפיו הקדוש שאמר שהספר הקדוש שלו ליקוטי מוהר"ן שיצא בעולם הוא אתחלתא דגאלה! ואמר מאחר שיצא בעולם אני חפץ מאד שילמדו אותו, כי צריכים ללמוד אותו הרבה עד שיהיה שגור בעל פה. כי הוא מלא מוסר והתעוררות גדול מאד להשם יתברך אשר אין ערוך אליו. ומי שעוסק בזה הספר אין צריך עוד ספר מוסר!".

[ב] עי' ליקו"מ תנ' סי' כ"ה. גם עי' שיחות הר"ן קמ"ה, וזל"ש: "גם אמר שכשעושין מהתורות תפלות נעשים מזה שעשועים גדולים למעלה שלא עלו לפניו יתברך שעשועים גדולים כאלה מימות עולם! כנדפס כבר בהקדמת התפלות. ויותר מזה חזקנו בזה על ידי השיחה הקדושה שסח עמי אחר אמירת התורה בראשית לעיני כל ישראל (ליקוטי מוהר"ן - תנינא ס"ז) כמבואר לקמן".

(תיקון) חצות און אפלערנען א תורה אין ליקוטי מוהר"ן און דו וועסט זאגן די תפילה – האסטו דעם 'גן עדן' אין דער וועלט! דו האסט שוין דעם גן עדן אין דער וועלט - עולמך תראה בחייך!".

זעהען מיר דאך עפעס ארויס, עס איז געוואלדיג! דא איז דאך דער רבי עפעס אזוי גרויס, וואס איז שייך (צו רעדן); אבער דער וועג איז א וועג פון תמימות ופשיטות, א וועג פון "שפכי כמים לבך" - דאס מאכט שכל, די ר"ת איז שכ"ל - ש'פכי כ'מים ל'בך.

❖

## 'אמונה' מיט 'דעת'

דער רבי ברענגט אין א תורה[ג] - א קליין תורה, אז 'אמונה בלא דעת אפשר ליפול' - אמונה אליין אן דעת קען מען אראפפאלן. איינער אז ער האט אמונה אין השם יתברך און ער לערנט נישט די תורה הקדושה, קען ער אראפפאלן. דאס אייגענע איז ביים אמת'ן צדיק אויך אזוי: אמונה - אוודאי מיר האבן אמונה אין דעם רבי'ן, אין דעם רבי'נס גרויסקייט, מען דארף אבער האבן דעם דעת פון זיינע הייליגע דיבורים! עס דארף זיין אמונה מיט דעת - דארף מען לערנען זיינע הייליגע ספרים.

דאס ווייסט מען, אז דער רבי האט נישט געהאלטן פון קיין מופתים בחייו הקדושים: **"טאמער טוה איך א מופת"** - האט דער רבי געזאגט – **"בעט איך גאט עס זאל פארגעסן ווערן!"**[ד] - דאס איז געווען רצונו הקדוש פון דעם רבי'ן, אז מען זאל נישט רעדן פון קיין מופתים!

איך רעד אביסל דערפון, ווייל ביי אונז איז געווארן אביסל - איך מיין נישט חלילה טשעפענען יענעם - נאר לעובדא ולמעשה; עס איז געווארן א חשיבות צו 'הערן שיחות', מען וויל נאר הערן שיחות - און לערנען די הייליגע ספרים פון דעם רבי'ן, לערנט מען ווינציג... וואס זיי הערן מער שיחות, לערנען זיי ווינציגער דעם הייליגן רבי.נס ספרים.

---

[ג] ליקו"מ רנ"ה, וזל"ש: "כשהאדם הוא מאמין בהצדיק בלי שום דעת אפשר לו ליפול מהאמונה, כי מאמונה לבד אפשר ליפול, אבל אם יש לו גם דעת שמבין גם בהדעת, אזי אי אפשר לו ליפול!".

[ד] עי' שיחות הר"ן קפ"ז: "ואמר שבכל פעם שהוא עושה איזה דבר הוא מבקש אחר כך מהשם יתברך שישתכח הדבר!".

מען קען נישט זאגן - אודאי עס איז א זאך, אבער מען דארף לערנען! מיר האבן א דיבור פון דעם הייליגן רבי'ן דורך רבי נפתלי'ן: "אז רוב וועלט וועט אננעמען מיין ספר, זאל מען זיך רעכטן".

רבי נתן ברענגט[ה]: "אשרי - וואויל איז א מענטש וואס זיין מח איז משוטט אין דעם רבי'נס דיבורים!". אז דער אויבערשטער העלפט - מען גייט ארויס אין גאס, מען נעמט מיט זיך פריער א מאמר פון ליקוטי מוהר"ן - א 'רבה בר בר חנא', א 'סבא דבי אתונא' - אוודאי, איז דא בעסערע מחשבות?!

- גיין אין גאס און טראכטן א מאמר פון דעם הייליגן רבי'ן - דאס איז דער רצון פון דעם הייליגן רבי'ן - נישט דערציילן מופתים מיט מעשיות!

❖

## חיבור סוף התורה בתחילתה

אגב, וועלן מיר לערנען א ביסל, א שטיקעלע ליקוטי מוהר"ן (תניינא סי' ס"ז).

מען האט געזאגט צום רבי'ן: 'צדיקים זענען מחבר דעם אנהויב תורה מיטן סוף תורה' - האט דער רבי געזאגט: 'וועל איך (אויך) אזוי טאן'[ו].

'בראשית - לעיני כל ישראל' – מען קען נישט דא לערנען די תורה אינגאנצן (בגלל האריכות) – דער רבי רעדט דא אין דער תורה אזוי: אז עס איז דא 'מאורי אור' - עס איז דא לעכטיקייטן וואס זיי לייכטן אין דער וועלט, זיי פארשיינען דער וועלט; און עס איז דא 'מאורי אש' - לעכטיקייטן וואס פארברענען די וועלט - נישט זיי שיינען, נאר זיי פארברענען![ז]

---

[ה] עי' חיי מוהר"ן פ"ג, וזל"ש: "כי הוא זכות גדול להאדם כשזוכה שיהיו מחשבותיו משוטטות בדברי רבינו זכרונו לברכה הקדוש והנורא מאד אשר אין ערוך אליו! ואי אפשר לספר בשבחו הקדוש שלא לפגום בכבודו חס ושלום כי כל המוסיף גורע. משל למלך שמקלסין אותו וכו' (עין ברכות לג:) וכל מה שנמצא בדברינו איזה שבח על רבינו זכרונו לברכה הקדוש והנורא מאד, צריכין לידע שהכל נחשב כ'לא', ואינו אפילו כטיפה מן הים הגדול, כי אי אפשר לספר בשבחו כלל, כי היה נעלם בתכלית ההעלם משכל אנושי. ואפלו צדיקים גדולים אי אפשר להם להשיג מקצת מעלתו!", עכ"ל, ועייעו"ש.

[ו] עי' ימי מוהרנ"ת ל"ט.

[ז] וזל"ש, בפנים: ויש 'מאורי אור ומאורי אש' (עין זוהר בראשית כ:), והם זה לעומת זה. שכשיש כח ל'מאורי אור', אזי נכנעין 'מאורי אש', וכן להיפך, חס ושלום, שכשנכנעין ונסתלקין מאורי אור, חס ושלום, אזי מתגברין 'מאורי אש'. וזה בחינת

זאגט דער רבי: פריער איז געווארן דער חורבן בית המקדש, "שלח חרון אפו ויצת אש בציון ותאכל יסודותיה"[ח].

זאגט דער רבי, דיביידע קענען נישט זיין צוזאמען; אויב אז די מאורי אור שיינען, זענען נכנע די מאורי אש - און אזוי פארקערט ווייטער.

❖

## דאנקען גאט - 'איך בין ריין פון חן של שקר'!

ברענגט דער רבי ווייטער: 'וזה בחינת ההעלמה'[ט] - דאס הייסט א העלמה, מען איז מתאונן און מקונן אויף די העלמה. דער אור הצדיק וואס ער שיינט אין אלע עולמות און ער איז נעלם - דאס איז א העלמה! דאס איז א מקונן! 'דער צדיק איז נעלם'!

**זאגט דער רבי[י]: אז עס ווערט נתגלה דער חן און דער 'פְּאֵר' פון דעם אמת'ן צדיק, און ער ווערט נכלל אין אים, שיינט אין אים דער חן און דער אמת' -**

**רבי נתן ז"ל האט אזוי געזאגט: "דער אמת'ער חן איז געווען אויפן רבי'ן, דאנקען גאט - איך בין ריין פון חן של שקר"[יא] - האט געזאגט ר' אברהם ר' נחמנ'ס: "אז מען איז באמת ריין פון חן של שקר, שיינט אין אים דער חן האמת"!**

**זאגט דער רבי דא: 'וזה בחינת ההעלמה' - אזא גרויסער רבי, אזא גרויסער אור וואס שיינט אין אלע עולמות - און ער איז נעלם, און ער איז נעלם!**

---

חורבן בית המקדש, בחינת (איכה א): "ממרום שלח אש בעצמותי", כי נתגברו מאורי אש על ידי שנסתלקו מאורי אור, בבחינת: "רחל מבכה על בניה", כי הבכיה הוא בחינת הסתלקות מאורי אור כנ"ל, ואזי מתגברין, חס ושלום, מאורי אש, בחינת: "ממרום שלח אש" וכו' כנ"ל.

[ח] וזל"ש בהמשך: "וזה בחינת: "ויצת אש בציון ותאכל יסודותיה" (איכה ד). 'יסודותיה' - זה בחינת ארבעה יסודות, שנמשכין מבחינת מאורי אור, מבחינת תלת גוונין דעינא ובת עין, שנאכלו ונשרפו על ידי: 'ויצת אש בציון', על ידי ההתגברות מאורי אש כנ"ל".

[ט] שם בהמשך: "וזה בחינת ההעלמה, שנתעלם היופי והפאר של כל העולם. כי יש צדיק, שהוא היופי והפאר והחן של כל העולם כולו".

**[י] שם: "וכשזה היופי והפאר נתגלה בעולם, דהיינו כשזה הצדיק, שהוא היופי של כל העולם, נתפרסם ונתגדל בעולם, אזי נפתחין העינים של העולם. שכל מי שנכלל בזה החן האמת של זה הצדיק, שהוא החן והיופי של העולם, דהיינו שמתקרב אליו ונכלל בו, נפתחין עיניו ויכול לראות, והעיקר להסתכל על עצמו".**

[יא] עי' אבניה ברזל, שיחות וסיפורים ממוהרנ"ת זצ"ל, אות מ"ה: "וּפַעַם אַחַת אָמַר מוֹהֲרַנַ"ת זַ"ל הֲגַם הַחֵן הָאֱמֶת שֶׁהָיָה עַל הַבַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ וְעַל רַבֵּנוּ הַקָּדוֹשׁ, זֶה הַחֵן לֹא נִמְצָא בִּי, אֲבָל מֵחֵן שֶׁל שֶׁקֶר אֲנִי נָקִי!".

ווער עס ווערט נכלל אין דעם אמת'ן חן, ווערן (ביי אים) בטל די אלע חן של שקר, אלע הבל היופי'ס; פון וואנעט נעמט זיך א הבל היופי? נאר אז דער יופי פון דער צדיק איז נעלם, איז דא אן אנדערער יופי - א הבל היופי; פון וואנעט נעמט זיך 'חן של שקר'? אז דער חן אמת פון דעם צדיק איז נעלם, איז דא א התגברות פון חן של שקר!

❖

## להסתכל על עצמו

זאגט דער רבי, אז דער אמת'ער צדיק - אז ער ווערט אויפגעדעקט, ער גייט ארויס פון די העלמה, ווערן געעפנט די אויגן. זאגט דער רבי דא - 'דריי סארטן' וואס די אויגן ווערן געעפנט[יב]. דאס הייסט - דער רבי זאגט - ער קען קוקן 'זיך', ארומקוקן 'וואו האלט איך?' - דאס איז דער עיקר אויגן - ("והעיקר להסתכל על עצמו") 'וואו האלט איך אין מיינע מידות?' דאס ווייסט נאר דער בורא עולם אליין!

אז ער ווערט נכלל אין דעם אמת'ן צדיק - זאגט דער רבי[יג] - ביים צדיק שטייט 'ראו' - ער האט אין זיך די עיני ה'[יד], ווערן ביי די מענטשן געעפנט די אויגן און ער קען זיך ארומקוקן - 'וואו האלט איך? וואו בין איך? וואס טוט זיך? וואס טוט זיך מיט מיר?'.

דער מענטש אליין - אז ער ווערט נישט נכלל אין דעם אמת'ן צדיק - און אין זיינע הייליגע וועגן - זעהט ער נישט 'זיך', ער זעהט נישט 'זיך' וואו ער האלט; זיינע אברים קען ער נישט באטראכטן 'וואו זענען זיי?'; 'וואו זענען מיינע אויגן? וואו איז מיין מויל? וואו איז מיין מח? וואו איז מיין געדאנק?' - ער זעהט נישט, פארוואס? ווייל די עיני ה' זענען ביי די צדיקים; אבער אז ער ווערט נכלל אין דעם אמת'ן חן, באקום איך אויגן - קען איך זעהן!

---

[יב] שם: "ועל כן כשנתגלה זה הצדיק, שהוא החן והיופי של העולם, כל מי שמתקרב ונכלל בזה החן האמת, נפתחין עיניו, ורואה ומסתכל על 'עצמו', איך הוא אוחז בכל המדות, שנמשכין מארבעה יסודות, שהם נמשכין מהצדיק כנ"ל. וגם יכול לראות ולהסתכל ב'גדולת השם', ולהסתכל 'בעולם'".

[יג] שם: "וזה: "ראו כי קרא ה' בשם בצלאל" (שמות ל"ה) (ועין זוהר תרומה קנב.) - 'ראו' דייקא, כי על ידי שנתגלה ונתגדל שם בצלאל, על ידי זה 'ראו', כי על ידי זה נפתחין העינים ורואים כנ"ל".

[יד] עי' ליקו"מ סי' צ"ח; ושיחות הר"ן רנ"ז.

דאס איז די ערשטע רְאיה וואס איך דארף זעהן: ארומקוקן 'זיך'! און דאס איז אינגאנצן דער וועג פון התבודדות[טו], אינגאנצן דער וועג פון אפזוכן אן 'עת רצון', דעמאלט קען דער אויבערשטער העלפן מען זאל זיך אפזוכן - 'וואו בין איך?' - דאס ווייסט נאר דער בורא עולם אליין!

❖

## איך האב אייך אסאך אמת אריינגעבראכט

דער רבי האט א זאג געגעבן א ווארט: "איך האב אייך אסאך אמת אריינגעבראכט!"[טז] דער עיקר חשיבות למעלה איז נאר אמת, אויבן גלוסט מען נאר צום אמת! "ואל אמה תכלנה מלמעלה" איז ר"ת אמ"ת - זאגט דער רבי אין א תורה[י] - אויבן גלוסט מען נאר צום אמת! און וואס מערער תמימות ופשיטות, איז מער אמת! - איז די ערשטע רְאיה, זאגט דער רבי, איז ארומקוקן 'זיך' - וואו האלט איך?!

נאך זאגט דער רבי - 'זעהן דעם אויבערשטנ'ס גרויסקייט' - פארוואס? ווייל א מענטש אז ער זעהט נישט 'זיך' - 'וואו איך בין' - איז טאמער עס גייט אויף אים עפעס איבער, ווערט קאליע די אמונה, עס גייט אויף אים איבער, עס גייט אויף אים איבער!

ער קען נישט ארויסזעהן גדולת השם - סיידן ער ווייסט ביי זיך - 'וואו האלט איך? וואס טוט זיך מיט מיר? וואו זענען מיינע אברים?' - אז ער ווייסט דאס ביי זיך - דעמאלט (פארשטייט ער) אז דער אויבערשטער פירט זיך מיט אים מיט גרויס רחמים

---

[טו] עי' ליקו"ה ברכת השחר ה"ה, אות פ"ז, וזל"ש: "כִּי זֶה עִקַּר הַהִתְבּוֹדְדוּת שֶׁצָּרִיךְ לְהִתְבּוֹדֵד וְלַחְשֹׁב עִם עַצְמוֹ הֵיכָן הוּא בָּעוֹלָם? וּלְהֵיכָן נִתְפַּזֵּר דַּעְתּוֹ וּמַחֲשַׁבְתּוֹ וּרְצוֹנוֹ? וּלְהֵיכָן נִשְׁלַךְ וְנִתְעָה עַל-יְדֵי מַעֲשָׂיו וּמַחְשְׁבוֹתָיו? עַד שֶׁעַל-פִּי רֹב רוֹאֶה בְּעַצְמוֹ שֶׁאֵין לוֹ מָקוֹם וְרוּחַ מֵאַרְבַּע רוּחוֹת הָעוֹלָם לִבְרֹחַ לְשָׁם וּלְהִתְחַבֵּא שָׁם מִפִּגְעֵי הָעוֹלָם בְּגַשְׁמִיּוּת וְרוּחָנִיּוּת בְּגוּף וָנֶפֶשׁ וּמָמוֹן וּפַרְנָסָה בִּבְחִינַת אָנָה אֵלֵךְ מֵרוּחֶךָ וְכוּ' וּבִבְחִינַת אֶשָּׂא עֵינַי אֶל הֶהָרִים מֵאַיִן יָבוֹא עֶזְרִי וכו'", עכ"ל, עייעו"ש.

[טז] עי' חיי מוהר"ן תקל"ח: "אמר על אנשי שלומנו שקשה להם שירימו את עצמן להנהיג ברבנות והתנשאות מחמת שהכנסתי בהם אמת הרבה יותר מדי!".

[י] תורה ט', אות ג'.

וועדליג איך בין[יח] - (נמצא) איז די אמונה ביי אים גאנץ אין השי"ת, איז ער נישט מהרהר אחריו יתברך[יט].

נאכדעם, זאגט דער רבי, נאך א רְאיה: אז ער קען שוין קוקן אין דער וועלט אויך!

זאגט דער רבי - 'דריי זאכן' (ג' מיני רְאיות); און 'להסתכל בעולם' איז די דריטע זאך; היינט האלט מען שוין, אז ער וויל שוין קוקן אויף יענעם, דאס איז דאך די דריטע רְאיה - זאגט דער רבי דא; די ערשטע ראיה איז - קוק ארום 'זיך'!

מען דארף אסאך בעטן דעם אויבערשטן: האב אויף מיר רחמנות!

❖

## עיקר התשובה היא על שאינם ידועים

דער רבי ברענגט אין תורה ל' - 'אז מען דארף טאן תשובה אויף דאס וואס מען ווייסט נישט' - ["ועיקר התשובה היא בבחינת] שאינו יודע לשאול [היינו לעשות תשובה ולשאול כפרה מהשם יתברך על שאינם ידועים, שזה עיקר התשובה], בבחינת 'אשר לא גלותי אז אשיב'"[כ].

- (לכאורה) ווי קען דאס זיין - אז איך ווייס נישט - ווי קען איך טוהן תשובה? איך ווייס נישט! ווי קען איך טאן תשובה?

נאר וואס דען? - דאס האט ר' אברהם ר' נחמנ'ס געזאגט - אז וויבאלד א מענטש, אז ער טוט תשובה באמת, העלפט דער אויבערשטער אז ער ווערט געוואויר, עס וועקט זיך אויף, 'אוי, איך האב דאך געטוהן אן עוולה פאר דרייסיג, פאר פופציג יאר

---

[יח] עי' ליקו"מ קס"ה, וזל"ש, בא"ד: "תקבל באהבה, כל הרעות והיסורין הבאים עליך, כי ראוי שתדע, שלפי מעשיך אחר כל היסורים והרעות שיש לך, עדיין הוא מתנהג עמך ברחמים, כי היה מגיע לך יותר ויותר, חס ושלום, לפי מעשיך".

[יט] עי' ליקו"ה מתנה ה"ה, ע"ח: "ע"כ צריך כ"א לראות להמשיך על עצמו בחי' תיקון המשפט. ואם לאו כל אדם זוכה לידע פירוש ענין זה בשלימות עכ"פ מה שאפשר להמשיך על עצמו צריכין להשתדל בה. והעיקר הוא האמונה לידע שצדיק ה' וישר משפטיו ולא יהרהר כלל ח"ו אחריו ית' בכל מה שעובר עליו כל ימי חייו. כי זה שמהרהר ח"ו זה ח"ו בחי' פגם המשפט כמובן בסוף התורה הנ"ל. וכן שלא ידין את חבירו לרעה ח"ו ויפשפש בעצמו אם הוא ראוי לשפוט את חבירו רק ישפוט א"ע בכל עת כ"ש רבינו ז"ל כמה פעמים. וכשיש דין למטה אין דין למעלה. ואז יוצא כאור משפטו!".

[כ] תהלים סט.

צוריק' - עס וועקט זיך אויף! אז דער מענטש גייט מיט א וועג פון תשובה מיט אן אמת, דעקט זיך אויף!

איז דער כח התשובה, דער כח האמת, אזוי פיל גרויס, אז עס דעקט זיך אויף, ער ווערט געוואויר, איז דאך דאס א געוואלדיגע זאך!

❖

## בהתלכך תנחה אותך

דער הייליגער רבי זאגט[כא]: אז דער 'פניו ושכלו ונשמתו של הצדיק' איז גנוז בספרו - דארטן ליגט דער 'פניו של הצדיק ונשמתו של הצדיק' - קומט דאך אויס, אז מיר דארפן זיך זייער אסאך מעמיק זיין אין דעם הייליגן רבי'נס דיבורים.

דער רבי האט דאך אזוי געזאגט, אז מען זאל זיך רעכטן אז רוב וועלט (וכו', כנ"ל) - מיר דארפן דאך אוודאי אננעמען דעם רבי'נס דיבורים!

דעם רבי'נס ספר דארף זיין ביי אונז 'שגור על פיו'[כב]; איך דארף איינשלאפן מיט דעם רבי'נס ספר - (דאן) האב איך א שינה דקדושה; איך דארף אויפשטיין שוין מיט א געדאנק פון דעם רבי'נס ספר - האב איך שוין אן אנדער טאג!

איך דארף גיין אין גאס, מיטנעמען מיט זיך א 'רבה בר בר חנה', א 'סבא דבי אתונא' - עס איז אן אנדערער וועג, עס איז אן אנדערער גאנג!

❖

[כא] עי' ליקו"מ קצ"ב: "כי בהספר של החכם נרשם ונצטייר שם דמות החכם, כי אלו הדיבורים והאותיות הנרשמין ומצויירין בהספר, הם שכל החכם ונשמתו ובחינות פניו, נמצא ששכלו ונשמתו ופניו שהוא דמותו ממש הוא באלו האותיות והתיבות, על כן נמצא בכל ספר וספר דמות דיוקנו של החכם שחידש אלו הדבורים, כי כפי דמותו דהיינו שכלו ונשמתו ופניו של החכם, כן נצטיירין האותיות בספר, כי אם היה להחכם דמות אחר היינו שכל ופנים ונשמה אחרת, היה מחדש ומצייר אותיות אחרים בהספר, כפי השכל שהיה לו שהוא דמותו, נמצא שיש בכל ספר דמות דיוקנו של החכם".

[כב] עי' חיי מוהר"ן שמ"ו: "ואמר שטוב לקבוע לעצמו שני שעורים ללמוד ספריו הקדושים, שיעור אחד פשוט ללמוד במהירות הרבה מאד כדי שיהיה שגור בעל פה, ושיעור אחד ללמוד בעיון גדול. **כי יש עמקות גדול ונפלא בספריו!** ועיין במקום אחר מזה (שיחות הר"ן קל"א) מענין עוצם העמקות הגדול שיש בתורתו הקדושה והנוראה מאד עד אין סוף ואין תכלית!"

# משה זכה לסוד הזה...

[מען קען נישט אזוי (מאריך זיין), די תורה איז דאך אן אריכות'דיגע זאך] - זאגט דער הייליגער רבי ווייטער - אז מען דארף זיין זייער נזהר אין 'קימת חצות'; ווייל עס קען זיין אז אפשר האט ער אין דעם פריערדיגן גלגול (געטאן) עבירות וואס האט (געהאט) א חלק אין דעם חורבן, און טאמער נישט - טאמער איז ער איצטער מעכב דעם בנין [בית המקדש] - איז אויך גלייך - זאגט דער רבי דארטן[כג].

דער אויבערשטער האט מבטיח געווען אז ער וועט געבן 'פאר תחת אפר'; 'פאר' איז מוחין - און 'אפר' איז אש; 'פאר' איז מאורי אור - און 'אפר' איז מאורי אש[כד].

דער אויבערשטער האט מבטיח געווען אז ער וועט געבן צו די אבלי ציון 'פאר תחת אפר', ווער זענען די אבלי ציון? ווער זענען די אבלי ציון?

"ואשלם ניחומים לו ולאבליו"[כה] - ווער זענען די אבלי ציון? ווער זענען די אבלי ציון? ווער זענען זיי? די אידן וואס זיי שטייען אויף בחצות הלילה און זענען מקיים 'שפכי כמים לבך' און מען דערמאנט זיך אז מיר האבן נישט קיין בית המקדש.

דער רבי זאגט אין תורה ז' אין דעם אנדערן חלק (ליקו"מ תניינא), אז **"אידן זענען אזוי הייליג, אזוי איידל, אז זיי קענען נישט טראגן א משא - אפילו איין טאג - א משא**

[כג] ליקו"מ תנ' ס"ז: "והנה מה שעבר אין, כי כבר נשרף בית מקדשנו. אך כעת, שהשם יתברך מצפה לשוב אלינו ולחזור ולבנות בית מקדשנו, ראוי לנו שלא לעכב, חס ושלום, בנין בית המקדש, רק להשתדל בבנינו. על כן מאד צריך ליזהר לקום בחצות, להיות מתאבל על חורבן בית המקדש, כי אולי בגלגול הראשון היה הוא הגורם שיחרב הבית המקדש, ואפילו אם לאו, אולי הוא מעכב עתה בנין בית המקדש, ונחשב גם כן כאילו הוא גרם להחריבו (עין ירושלמי יומא פ"א ה"א). על כן צריך ליזהר מאד לקום בחצות, ולהיות מתאבל מאד על חורבן בית המקדש".

[כד] שם בהמשך: "והשם יתברך הבטיח לכל המתאבל על ציון לשום לאבלי ציון "פאר תחת אפר" (ישעיה ס"א). 'פאר תחת אפר' דייקא. 'פאר' זה בחינת המוחין, בחינת תפילין, בחינת ראש בית, בחינת כלליות הגוונין, בחינת תלת גוונין דעינא ובת עין, בחינת מאורי אור, בחינת שבת המאיר לבית המקדש כנ"ל. 'תחת אפר' - 'אפר' זה בחינת מאורי אש, (שהוא ההיפך מהנ"ל), היינו שיהיו נכנעין מאורי אש, שעל ידם נשרף הבית המקדש, ויתגברו מאורי אור, שהם קיום הבית המקדש כנ"ל, וזהו 'פאר תחת אפר', כנ"ל".

[כה] ישעי' נז, יח.

פון א עוון"[כו], און ווער רייניגט אונז?; אז עס איז געווען א בית המקדש האבן די תמידים אונז גערייניגט - מיר האבן דאך דאס נישט!?

- זאגט דער רבי דארטן[כז], אז 'משה' האט זוכה געווען צו א סוד, מען האט אים מודיע געווען א סוד - אז אויב מען שרייט 'סלח נא לעוון העם' (וכו'), קען מען האבן דורך דעם (ממש) אזוי ווי מען האט געהאט ביים בית המקדש מיט די תמידין!

דער רבי זאגט:[כח] 'משה זכה לסוד חנוכה' - משה האט זוכה געווען צו דעם סוד!

❖

## על פי שנים עדים

קומט דאך אלץ אוים אזעלכע סודות; (ולעומת זאת) דארף מען א תמימות ופשיטות, אויפשטיין ביינאכט. אט גייט איצטער, עס הויבט זיך שוין אן די הייליגע (ווינטער) נעכט![כט]

- אנדערע זאגן אז מען רעדט צופיל פון 'חצות'... אבער עס שטייט אין זוהר הקדוש[ל] "אז א גוף וואס ער פילט נישט, דארף מען אים אנקלאפן!" - דער גוף וואס גייט נישט

---

[כו] אות ג', וזל"ש: "כי מי שיודע קדושת ישראל מאין הם לקוחים, ויודע רוחניות ודקות של ישראל - הוא יודע, שישראל הם רחוקים לגמרי מעוון! ואין עוון שייך להם כלל כלל לא! - לפי גודל קדושתם משרשם וגודל דקותם ורוחניותם! ועל כן כל היסורים שבעולם אינם נחשבים למשאוי כנגד המשאוי הכבד של עוונות, חס ושלום, רחמנא לצלן".

[כז] שם, באמצע אות י"א: "ובזמן שבית המקדש, היה קיים, היינו נקיים מעוונות, כמו שכתוב (ישעיה א): "צדק ילין בה", ופירש רש"י, כי תמיד של שחר היה מכפר על עבירות של לילה, ותמיד של בין הערבים היה מכפר על עבירות של יום. כי ישראל עם קדוש; לפי גודל רוחניותם ודקותם אין יכולין לשא עליהם המשא של עוון אפילו יום אחד, על כן אנו צריכין את הבית המקדש, שיכפר עלינו בכל יום. ומעת אשר חרב בית מקדשנו, אין אנו יכולים לנקות עצמנו מן העוונות, כי אין מי שיכפר בעדנו. ומשה רבנו, עליו השלום, שידע כל זאת, על כן מסר נפשו על ישראל, וביקש: סלח נא לעון העם הזה וכו'", עכ"ל, עי' פנים.

[כח] שם: "ומשה רבינו זכה לסוד חנוכה, על ידי שמסר נפשו בשביל ישראל ונתן לבו עליהם להסתכל בצרתם, כי הוא היה רחמן ומנהיג אמיתי כנ"ל. ועיקר צרת ישראל הוא המשא של עוונות, חס ושלום, כנ"ל, ועל כן ביקש עליהם סלח נא כנ"ל, ועל ידי זה נעשה בחינת חנוכה, בחינת וחנכת הבית, שבזה תלוי תיקון כל הבחינות הנ"ל", עכ"ל, עי' פנים.

[כט] עי' שיש"ק ח"ג, קע"ב.

[ל] שלח קס"ח ע"א, וזל"ש: "אָעָא דְּלָא סָלִיק נְהוֹרֵיהּ, יְבָטְשׁוּן בֵּיהּ וְאַנְהִיר. גּוּפָא דְּלָא סַלְקָא בֵּיהּ נְהוֹרָא דְּנִשְׁמְתָא, יְבָטְשׁוּן בֵּיהּ, וְיִסַּלֵּק נְהִירוּ דְּנִשְׁמְתָא, וְיִתְאַחֲדוּן דָּא בְּדָא לְאַנְהָרָא".

אריין (בתוכו) 'נהורא דנשמתא', דארף מען אנקלאפן דעם גוף - עס זאל אין אים אריינגיין!

וואס איז די 'נהורא דנשמתא'? די נשמה רעדט דאך צו מיר: 'כאפ ארויס אן עת רצון' און ווייטער - 'וויין דיך אויס פאר השם יתברך' - דאס וועט דיר בלייבן; דיינע אברים קענען נישט ווערן געריינינגט נאר דורך דעם וואס דו וועסט (עס ארויסרעדן מיט דיבורים).

דער רבי האט געזאגט[לא] מען זאל רעדן צו די אברים - רעדן צו אים, אז דער אבר זאל ווערן נשתנה, און ער ווערט טאקע נשתנה!

זאגט דער הייליגער רבי דא - ער איז זייער מזהיר אויף קימת חצות!

מיר ווייסן אז פון הייליגן רבי'ן איז געווען אן הזהרה געוואלדיג אז מען זאל האבן ישוב הדעת יעדן טאג[לב] - נישט אפלייגן פון איין טאג אויפן צווייטן; הלוואי זאל איך

---

[לא] עי' חיי מוהר"ן תמ"ב: "לאחד מגדולי מקורביו [ר' שמואל אייזיק] זכרונו לברכה צוה לו בימי נעוריו של המקורב הנ"ל שבשעת התבודדות ידבר הרבה בפרטיות עם כל אברי גופו ויסביר להם שכל תאוות הגוף הבל. כי הא סוף כל אדם למות, והגוף לקברות יובל וכל האברים יבלו ויתרקבו וכו' ועוד דיבורים כיוצא באלו. והתנהג כך איזה זמן. ואחר כך סיפר עם רבינו ז"ל והתנצל לפניו באשר שהגוף אינו שומע ומרגיש כלל כל דבריו וטענותיו עמו. אמר לו רבינו זכרונו לברכה התחזק בענין זה, ואל תרפה ידך מזה, ותראה אחר כך מה שיהיה מהדיבורים הללו. ושמע לעצתו וקִים דבריו עד שזכה אחר כך שכל איבר ואיבר שדיבר עמו בפרטיות נמשך אחר דבריו כל כך, עד שיצא ממנו החיות ממש ונשאר בלא כח והרגשה כלל. וזה ראה בחוש באיברים החיצונים כגון אצבעות ידיו ורגליו וכיוצא בזה, עד שאיברים הפנימיים שהחיות תלוי בהם כגון הלב וכיוצא היה צריך לצמצם דבריו מאד בכדי שלא תצא ממנו החיות ממש רחמנא לצלן. ושמעתי שפעם אחת דיבר האיש הנ"ל עם המקורבים אליו מענין איך שעולם הזה אינו כלום ומה הוא התכלית מכל עניני הגוף וכו' כנ"ל ובתוך דבריו נתעלף והתחיל לגווע (ובלשון אשכנז שנשאר חלשות) וביגיעות גדולות עד ששב ונתעורר בו חיותו. ואמר אז שזכה על ידי קדושת רבינו זכרונו לברכה למדריגה כזו אשר בכל עת שמזכיר עצמו היטב מיראת העונש והסוף והתכלית של כל ענייני העולם הזה, אזי מרגישין כל איבריו אפילו אצבע הקטן שברגליו ממש כמו ששוכבין כבר בקבר ומרקיבין וכו' עד שצריך התחזקות גדול להחזיק חיותו בקרבו, שלא תצא נפשו ממש רחמנא לצלן".

[לב] עי' שיחות הר"ן מ"ז: "צריך לזה זכיה גדולה שיזכה ליישב עצמו שעה אחת ביום ושיהיה לו חרטה על מה שצריכין להתחרט, כי לאו כל אחד זוכה ליישב הדעת איזה שעה ביום! כי היום הולך וחולף ועובר אצלו ואין לו פנאי ליישב עצמו אפילו פעם אחת כל ימי חייו. על כן צריכין להתגבר לראות ליחד לו פנאי ליישב עצמו היטב על כל מעשיו אשר הוא עושה בעולם אם כך הוא ראוי לו לבלות ימיו במעשים כאלו. ומחמת שאין האדם מיישב עצמו ואין לו דעת, ואפילו אם יש לו לפעמים איזה ישוב הדעת, אין הדעת המיושב מאריך זמן אצלו ותיכף ומיד חולף ועובר הדעת ממנו וגם אותו המעט הדעת שיש לו אינו חזק ותקיף אצלו. מחמת זה אין מבינים שטות העולם הזה. אבל אם היה להאדם שכל מיושב חזק ותקיף היה מבין שהכל שטות והבל!".

האבן דעם ישוב הדעת היינט וואס איך דארף האבן היינט - ווילסטו מארגן זאל איך כאפן פאר היינט?!...

זאגט דער רבי אין תורה י'[לג] אין דעם אנדערן חלק - דאס וואס די וועלט איז ווייט פון השם יתברך, איז 'רַק', נאר ווייל זיי זענען ווייט פון ישוב הדעת, זיי האבן נישט קיין ישוב הדעת!

דער רבי רופט התבודדות: 'ישוב הדעת'!

עס איז דא א מאמר פון דעם רבי'ן[לד], אז [מען מאכט] נישט [קיין התבודדות] הייסט מען 'פלוטעס'. פלוטעס הייסט א מבולבלים. קומט דאך אויס, דאס איז אויך תמימות ופשיטות; חצות און אויסרעדן זיך (דאס הארץ פאר השי"ת). אזא גרויסער רבי וואס שיינט אין אלע עולמות - אבער דער וועג איז א וועג פון תמימות ופשיטות...[לה]

דער רבי וויל נישט אז מען זאל רעדן מופתים פון אים, ער וויל נאר מען זאל מקיים זיין זיינע הייליגע עצות!

דער עיקר עצה פלעגט מען זאגן: 'על פי שנים עדים' - מען דארף זיין נזהר אין 'חצות לילה' און 'התבודדות' - דאס איז צוויי עדות, "יקום דבר" - דעמאלט וועט ער האבן א קיום, אז ער וועט האלטן די צוויי עדות.

❖

## דער רבי וויל נישט קיין מופתים!

רעדט דאך דער רבי דא[לו] פון היטן די אויגן, אזוי ווי מען האט גערעדט פריער.

---

[לג] וזל"ש: "מה שהעולם רחוקים מהשם יתברך ואינם מתקרבים אליו יתברך, הוא רק מחמת שאין להם ישוב הדעת! ואינם מיישבין עצמן. והעיקר - להשתדל ליישב עצמו היטב, מה התכלית מכל התאוות ומכל עניני העולם הזה, הן תאוות הנכנסות לגוף, הן תאוות שחוץ לגוף, כגון כבוד, ואז בודאי ישוב אל ה'!".

[לד] עי' שיחות הר"ן רכ"ח: "שמעתי בשמו שאמר: "בוודאי נמצאים כשרים אף על פי שאין להם התבודדות. אבל אני קורא אותם "פלייטים" מבוהלים ומבולבלים. ופתאום כשיבוא משיח ויקרא אותם יהיו מעורבבים ומבולבלים. אבל אנחנו נהיה דומים כמו האדם אחר השינה שדעתו נוחה ומיושבת היטב כן תהיה דעתנו נוחה ומיושבת עלינו בלי מהומה ובלבול!".

[לה] עי' באריכות מזה בההקדמה לספה"ק ליקו"מ ממוהרנ"ת זצ"ל; וגם בההקדמה לספה'ק ליקוטי הלכות.

[לו] עי' בהתפילה על התורה.

'בראשית' - זאגט דער זוהר הקדוש - בראשי"ת מאכט רא"ש בי"ת [נאך שבת וועט מען שוין לייגען בראשית] - און די תורה ענדיגט זיך 'לעיני כל ישראל'; (דהיינו) אז עס ווערט נתגלה דער ראש בית, אט דער אמת'ער צדיק - ווערן געעפנט די אויגן פון אלע אידן!

דא האט שוין דער רבי געמאכט א חיבור - דעם אנהויב מיטן סוף; "בראשית" - אז דער ראש בית וועט ווערן אויפגעדעקט, עס וועט נישט זיין קיין העלמה (- אזוי "לעיני כל ישראל" וכו' - עי' בהערה[לז]).

דער רבי זאגט ווייטער[לח]: 'אלה תולדות נח נח תמים היה' - 'שהיה ונסתלק'; מען קלאגט אויפן צדיק - 'פארוואס איז דער צדיק אזוי פיל נעלם?!' אבער ביי אונז דארף ער דאך אוודאי נישט זיין נעלם; ביי אונז איז דער עיקר התגלות הצדיק נאר דורך זיינע הייליגע עצות - 'עצותיו הקדושים'.

איך וויים נישט - בחייו האט נישט דער רבי געוואלט קיין מופתים[לט], עס איז דא מופתים פון אים אסאך, אבער דער רבי וויל דאס נישט, נישט דאס איז זיין ווילן! איך

---

[לז] ליקו"מ תנ' סי' ס"ז, שם בהמשך: "וזהו: 'בראשית - ראש בית', בחינת הבעל הבית של העולם. היינו הצדיק האמת, שהוא היופי והפאר של העולם, שהוא בחינת יוסף, בחינת (בראשית מ"ב): "ויוסף הוא השליט הוא המשביר" וכו', בחינת ראש בית, בחינת בעל הבית של העולם. כי על ידו קיום הבית המקדש וקיום הבתים והדירות של ישראל כנ"ל. ועל ידי שנתגדל השם של זה הצדיק, שהוא בחינת ראש בית, על ידי זה נפתחין העינים של ישראל כנ"ל. וזהו 'בראשית - לעיני כל ישראל'. 'בראשית', הינו ראש בית, בחינת הצדיק הנ"ל, שהוא הפאר של העולם כנ"ל, על ידו נפתחין עיני כל ישראל כנ"ל".

[לח] שם: "וזה בחינת הספד על סילוק הצדיק. כי בראשית הוא הספד על נח, היינו מאמר הנ"ל על בראשית הוא הספד על סילוק הצדיק, שהוא בחינת נח. כי שם נאמר מבחינת ההעלמה, שנתעלם הפאר של ישראל, היינו שנסתלק ונתעלם הצדיק שהוא הפאר של ישראל, והנה להצדיק שנסתלק, אין לו הפסד כלל במה שנתעלם ונסתלק, כי אם נתעלם ונסתלק מכאן, הוא גדול ומפואר שם בעולם הבא, בחינת (בראשית ו): "את האלקים התהלך נח". אבל על הדור יתום שנשארו ועל התולדות, דהיינו הבנים שנשארו, הוא רחמנות גדול מאד, ועליהם נאמר כמקונן: "אלה תולדת נח", כמקונן ואומר: 'אלה' הם התולדות והבנים של הצדיק, בחינת נח שנסתלק, ואלה הם התולדות היתומים שנשארו... וזהו: "אלה תולדות נח", היינו כמקונן על התולדות שנשארו כנ"ל. וזהו: "נח איש צדיק תמים היה", הינו שהיה ונסתלק וכו' כנ"ל".

[לט] עי' שיחות הר"ן קפ"ו, וזל"ש: "אך כבר אמרנו שאין זה רצוננו לספר מופתים מרבינו זכרונו לברכה. כי לא באלה תהילתו, גם כי היה אסור במופתים כאשר היה מובן מדבריו, שלא הותר לו לגלות מופתים. ועל כן לא נראו ממנו כי אם קצת מופתים ועתידות, אף על פי שבאמת היה יודע בבירור כל העתידות אפלו מה שיהיה לזמן רחוק וכו' כאשר היה נראה לעין כל מי שהסתכל היטב על דבריו. אף על פי כן הכל היה בהצנע ובהעלם גדול ואין אנו עוסקין לספר מזה כנזכר לעיל", עכ"ל. גם עיי"ש בסי' רמ"ט: "ועיקר החידושים והמופתים הנוראים שראינו ממנו זכרונו לברכה הוא רק בענין התקרבות ישראל לאביהם שבשמים! שתיכף כשנכנס אחד אצלו ורצה להתקרב להשם יתברך, תיכף נהפך מיד לאיש אחר ממש. ועצם היראה וההתעוררות וההתלהבות וההרהורי תשובה באמת לאמיתו שהכנים בכל אחד ואחד שזכה

דארף דאך טאן נאר רצונו הקדוש - וואס ער וויל; דער רצון פון דעם הייליגן רבי'ן איז 'פשיטות ותמימות' - דאס האט רבי נתן געקרעכצעט קודם הסתלקותו - "צו ער האט יוצא געווען דאס תמימות פון דעם רבי'ן"!

❖

# דער דין וחשבון פון א ברסלב'ער חסיד

מען האט אמאל געפרעגט רבי נתן'ען, צו (עס איז אמת) אז ער האט געזאגט אז מען וועט אפגעבן דין וחשבון אז מען זאגט נישט קיין תפילות (מליקוטי תפילות) אלע טאג, האט ער געזאגט: "**איך האב געזאגט - און איך האב נישט אזוי געזאגט – ער וועט אפגעבן דין וחשבון אויף וואס ער וועט אפגעבן** - (דאן) **וועט ער אליין זעהן, אז ווען ער זאל זאגן די תפילות, וואלט ער נישט געהאט אין זיך די עוולות**" - הייסט עס שוין פאר תפילות; אבער נישט מען וועט אים פרעגן פון תפילות, (אלא כשישאלוהו 'פארוואס האסטו געטאן די עוולות?', (אזי יכה ראשו) 'אוי, ווען איך וואלט ווען געזאגט די תפילות וואלט איך נישט געהאט אין זיך די עוולה! וואלט איך נישט געהאט אין זיך די עוולה'!

אונזערע לייט פלעגן זאגן: "**דער דין וחשבון פון א ברסלב'ער חסיד וועט זיין שארפער ווי אן אנדערער**"! מען וועט אים פרעגן פארוואס האסטו נישט געפאלגט דיין רבי'ן? דו האסט געהאט א רבי'ן – אנדערע וויסן נישט; (אבל חסיד ברסלב) עס איז דיינער א רבי - פארוואס האסטו אים נישט געפאלגט? האט ער דען געמאכט אויף אייך שווערקייטן?! ער האט געמאכט גרינגע זאכן, וואס רעדט ער דען שווערקייטן?!

❖

לעמוד לפניו, אי אפשר לבאר ולספר אילו כל הימים דיו וכו'. כי לא נראה כזאת ולא נשמע בעולם שיעורר להשם יתברך כל כך בהתעוררות כזה לכל אדם שבעולם מגדול ועד קטן", עכ"ל. גם עי' כוכ"א בהקדמה: "וְהִנֵּה אַדְמוּ"ר זַ"ל בְּגֹדֶל וְעֹצֶם מְתִיקוּת דְּבָרָיו הַנְּעִימִים לְחַזֵּק וּלְעוֹרֵר וּלְהַחֲיוֹת וּלְהָשִׁיב כָּל הַנְּפָשׁוֹת הַנִּפּוּלוֹת, אִם הָיָה גַּם מֻתָּר בְּמוֹפְתִים הָיְתָה מִתְבַּטֶּלֶת הַבְּחִירָה לְגַמְרֵי. וּבֶאֱמֶת מֵחֲמַת זֶה הָיָה אָסוּר בְּמוֹפְתִים, וְגַם כְּשֶׁעָשָׂה אֵיזֶה דְּבַר מוֹפֵת בִּקֵּשׁ אַחַר־כָּךְ מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ שֶׁיִּשְׁתַּכַּח הַדָּבָר!".

# חברים מקשיבים לקולך השמיעיני

דער אויבערשטער העלפט - מען לייגט זיך אביסל פריער, מען שטייט אויף אין דעם עת רצון - קען מען דען אויסמאלן אין דער וועלט דאס גרויסקייט פון קימת חצות?!

א לשון איז דא - אלע אידן ווייסן דערפון - אזוי שטייט אין זוהר הקדוש[מ]: השם יתברך גייט (דעמאלט) אריין אין 'גן עדן' און איז זיך משעשע מיט די צדיקים; און די צדיקים ווילן דעמאלט הערן תורה פון אונז; "חברים מקשיבים לקולך השמיעיני" - זיי בעטן זיך: 'מיר זענען דאך דא' - די צדיקים שבגן עדן - ווער? די תנאים ואמוראים, די אבות - אלע קדושים!

ווען דער אויבערשטער איז זיך משעשע מיט זיי, ווילן זיי הערן פון אונז דעמאלט דיבורים! קען מען זיך אויסמאלן וואספארא סארט נחת רוח דאס איז למעלה? וואספארא מין סארט רצון מען טוט דעמאלט - דעם רצון פון דעם הייליגן רבי'ן?!

❖

[מען קען נישט אזוי פיל מאריך זיין - נאך עמיצער דארף רעדן] דער אויבערשטער זאל אונז העלפן טאקע, מיר זאלן זיך זייער פרייען, א 'שמחה בלבב', וואס מיר ווערן אנגערופן אויף דעם הייליגן נאמען און מיר שעמען זיך נישט מיט דעם הייליגן נאמען,

[מ] זוהר לך לך צב ע"א, ובעוד הרבה מקומות.

אם איז אונזער כבוד אינגאנצן[מא], נאר עס זאל נישט זיין - זאגט דער רבי אין תורה כ"ב[מב] - קיין שם המושאל - א געבארגטער נאמען...

דער עיקר ווייזט אוים פון דעם רבי'נס זאך - מען זאל אפהיטן, און נאכאמאל איבער'חזר'ן און אריינקלאפן אין דעם גוף אריין, אז דער גוף זאל הערן אז קימת חצות איז א 'יסוד'![מג] - און האבן ישוב הדעת אלע טאג איז א 'יסוד'!

דער אויבערשטער זאל רחמנות האבן אויף אונז, אז דער הייליגער רבי, זיין זכות זאל מגין זיין אויף אלע אידן, בפרט אין דעם הייליגן יום טוב, אמן ואמן!

[מא] עי' ליקו"ה שלוחין ה"ה, בסופו, וזל"ש: וממשם ילמוד כ"א הרוצה להתקרב לצדיקי אמת שצריך עכ"פ למסור שמו שהוא נפשו בשביל זה היינו שיתרצה לסבול בזיונות ושפיכות דמים הרבה ע"י שנקרא על שם הצדיק האמת ויבטל כבודו שהוא בחי' שמו בחי' נפשו, יבטל הכל בשביל כבוד הש"י שיתגדל ע"י שיתקרב להצדיק האמת שיתקן נפשו ועי"ז יזכה למוצאו ולהתקרב אליו עד שיזכה לחיי עולם. כי א"א להתקרב לצדיקים וכשרים אמתיים הנלוים אליהם כ"א ע"י מסירת נפש. ועיקר המסירת נפש הוא בחי' הנ"ל לבטל כבודו שהוא בחי' שם בחי' נפש ולסבול בזיונות שהוא בחי' שפיכות דמים ממש כשרז"ל וכמו שכתוב: "יש בוטה כמדקרות חרב" וכו'. והכל צריכין לסבול בשביל בקשת האמת לאמתו. ואז דייקא יזכה לידע האמת למי להתקרב. כי בכרם מלאה ורדיפת הכבוד והעושר ולהרבות בבגדים ותכשיטין כל אחד יותר מיכלתו בכפלי כפלים וכו' כאשר מצוי עכשיו בעו"ה ע"י כל זה א"א למצוא האמת. אדרבא כל מה שיגלו לו דיבורים אמתיים ונפלאים, יהפוך הכל מהיפך אל היפך. רק אם יפקיר כבודו באמת ולא יחוס על כבודו בשביל האמת אז יזכה לידע האמת!

[מב] אות י'.

[מג] עי' שיחות הר"ן ש"א: שמעתי בשמו שאמר שעיקר עבודת איש הישראלי הוא בחורף לקום בחצות לילה! ובקיץ בעת שהלילה קצר מאד (שאז אין עומדין בחצות (בחוץ לארץ) כמבאר במקום אחר) אז יזהר לעמוד בבוקר השכם כעלות השחר".

על הטוב יזכרו ידידינו היקרים שיחיו שנדבו למען הוצאת הקונטרס

מוה"ר **יואל בלייער** הי"ו
מאנסי יצ"ו
לרגל אירוסי בנו החתן **שמעון** הי"ו עב"ג מוה"ר שמואל ארי' אדלער– ק"י
למזל טוב

מוה"ר **מאיר גרינפעלד** הי"ו
קרית יואל יצ"ו
לע"נ הרה"ח רבי **שמשון שווארטץ** ז"ל, אשר מסר נפשו להכניס לימוד ספה"ק ליקוטי מוהר"ן בעולם
ת.נ.צ.ב.ה.

מוה"ר **שמעון יו"ט הלוי יוזשעף** הי"ו
ירושלים עיה"ק
לרגל לרגל הולדת הבת
למזל טוב

מוה"ר **אהרן טייטלבוים** הי"ו
וויליאמסבורג יצ"ו
לרגל הולדת בנו
למזל טוב

לעילוי נשמת מו"ה **יעקב** ב"ר **שמואל הכהן** ע"ה
י"ג אייר תשפ"א. תנצב"ה

לעילוי נשמת מרת **רוחמה שרה** ע"ה ב"ר **יצחק** הי"ו, י"ב שבט תשע"ט. תנצב"ה